ט. אַז מען רעדט וועגן ענין הצדקה — איז כאן המקום לעורר אויף אַ דבר תמוה, וואָס לע"ע לא שמעתי אַז מ'זאָל אויף דעם מעורר זיין (ועאכו"כ — צו פירן זיך אַזוי תמיד בפועל):

עס פירט זיך ביי אידן משנים קדמוניות — אַז בשעת מ'וויל אָפּשרייען אַ גזירה כו' ועל כל צרה שלא תבא כו' — בעט מען ומעוררים אַז מען זאָל אויף דעם זאָגן תהלים.

איז כדאי לעורר, אַז איינער פון די ענינים וואָס העלפן ספּעציעל על כל צרה שלא תבוא כו' — איז נתינת הצדקה[40]*. די סיבה אויף יעדן דבר בלתי רצוי איז — "מפני חטאינו", און צדקה איז מבטל "חטאינו", ווי עס שטייט[41] "וחטאך בצדקה פרוק" (וכמבואר באגה"ת[42] ואגה"ק[43]).

ובפרט לויט ווי ס'איז מבואר אין חלק ראשון פון ספר התניא[44] בגודל מעלת הצדקה, אַז זי איז "שקולה כנגד כל המצות"[45], ווייל "בצדקה שאדם נותן מיגיע כפיו הרי כל כח נפשו החיונית . . עולה לה'" (און "גם מי שאינו נהנה מיגיעו מ"מ הואיל ובמעות אלו הי' יכול לקנות חיי נפשו החיונית הרי נותן חיי נפשו לה'").

און דערפאַר איז אַ דבר נכון, אַז ביי יעדער געלעגנהייט פון אמירת תהלים כדי צו "אָפּשרייען" אַן ענין בלתי טוב, אָדער אפילו סתם אמירת תהלים, מתוך שמחה וטוב לבב [ווי די תקנה פון נשיא דורנו צו זאָגן יעדן טאָג דעם שיעור תהלים ווי עס איז נחלק געוואָרן לימי החודש, און אין חודש אלול — צו מוסיף זיין נאָך ג' מזמורים ליום[46]] —

זאָל מען דערצו מצרף זיין דעם ענין פון נתינה לצדקה (כמובן — אין די טעג ווען מ'מעג מטלטל זיין ממון).

יו"ד. ואע"פ אַז אין פריערדיקע דורות האָט מען זיך באַגנוגנט מיט אמירת תהלים — י"ל דעם טעם דערויף בפשטות:

אַמאָליקע יאָרן איז דער עיקר "הכרזה" אויף ענינים כהנ"ל געווען (ווען ס'איז געווען ברוב עם בביהכנ"ס) ביום השבת (ווי דער פסק הלכה[47] אַז "מפקחין על צרכי ציבור בשבת") ווען מ'טאָר ניט געבן ממון צדקה[48].

ועיקר — אַמאָליקע יאָרן, ובפרט במדינות אחרות, האָבן כו"כ מבני ישראל געלעבט במיצר ומצוקה כפשוטו, אַזוי, אַז דער ענין פון נתינת צדקה בריבוי איז געווען פאַרבונדן מיט אָפּגעבן "חיי נפשו" כפשוטו — ניט נאָר "הי' יכול לקנות חיי נפשו", נאָר "חיי נפשו" ממש, מ'האָט געדאַרפט מגרע זיין מאכילתו ושתייתו און מאכו"ש בני ביתו;

און אויך — אסור לבייש את מי שאין לו.

און דערפאַר האָט מען זיך מסתפק געווען מיט נתינת צדקה אין זמנים קבועים, און לויט די שיעורים אין שו"ע[49] (מעשר או חומש כו'), און דער ענין והכרזה פון נתינת צדקה (בריבוי) איז געווען במקרים יוצאים מן הכלל.

ומהאי טעמא האָט אויך ניט געהאַט אַן אָרט אויף איינשטעלן אַ מנהג קבוע, אַז ביי יעדער געלעגנהייט פון אמירת תהלים כו' זאָל מען זיך מחייב זיין לצדקה.

[און אפילו ווען מ'טוט עס אין אַן אופן פון "בלי נדר" — פילט מען דאָך עכ"פ "ניט באַקוועם" ווען אינו יכול, און ס'איז ניט קיין סדר צו ענג מאַכן אַ אידן].

משא"כ בזמננו עתה, האָט דער אויבערשטער באַגליקט אידן און זיי מצליח געווען אַז מען לעבט אין אַ מצב וואו ס'איז ניטאָ אַזאַ עניות ח"ו.

[מאמר המוסגר: דער רבי דער נשיא האָט אַמאָל מבאר געווען דעם חילוק פון "עניות" מעבר לים און "עניות" במדינה זו:

אַמאָל האָט אַן אָרעמאַן ניט געהאַט קיין לחם לאכול ובגד ללבוש — בפשטות; אָבער במדינה זו, איז ניטאָ די מציאות אַז מ'זאָל ניט האָבן עכ"פ לחם צר ומים לחץ[50] — יעדערער האָט אַ סך מער הרחבה דערפון. נאָר דער ענין ה"עניות" באַשטייט אין דעם וואָס מ'האָט ניט "(אכלו) משמנים ו(שתו) ממתקים"[51], ועד"ז — בגדים "לכבוד ולתפארת"[52], אָדער זיין דירה האָט ניט מער ווי דריי[53] חדרים...

ובפרט אויב ער זעט ביים שכן אַ הרחבה בכל הנ"ל, פילט ער זיך ווי גאָר גאָר אַן עני...

— מען דאַרף זוכן אַ הצדקה ולימוד זכות אויף אידן (ובפרט בחודש אלול): חז"ל זאָגן[54] "אזלת לקרתא עביד כנימוסא", און וויבאַלד אַז במדינה זו איז דער סדר, אַז דאָס וואָס עס האָט זיך גערעכנט מעבר לים אַן ענין פון "הרחבה", איז במדינה זו געוואָרן אַ הכרח גמור — איז בשעת ביי אַ אידן פעלט די הרחבה, איז דאָ — איז עס אַן ענין פון "מחסורו אשר יחסר לו"[55].

ובפרט אַז זייענדיק בנו של מלך מלכי המלכים הקב"ה פאַרדינט ער[56] טאַקע (און ער קען עס מאָנען בזרוע[57]) בני חיי ומזוני רוויחי, ובכולם רוויחי, און רוויחי כפשוטה — וואָס ביי אומות העולם (צווישן וועמען — קרתא — מען לעבט) הייסט עס "רוויחי"]

— איז כדאי איינצופירן אַז מ'זאָל מרבה זיין בצדקה באופן קבוע, און מצרף זיין צו יעדער ענין פון אמירת תהלים בחול — צי וואָס מען זאָגט צוליב אָפּשרייען אַן ענין בלתי טוב, אָדער וואָס מען זאָגט מתוך שמחה וטוב לבב — נתינת הצדקה.

ובפרט לויט ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין אגרת התשובה[58], אַז "נהגו עכשיו כל החרדים לדבר ה' להרבות מאד מאד בצדקה" (מצד דעם ענין פון "חסדי[59] ה' כי לא תמנו").

יא. ויהי רצון אַז די הצעה לבבית ונפשית זו זאָל נתקבל ווערן בסבר פנים יפות און נתפשט ווערן בכל מקום ומקום —

להרבות בצדקה מתוך שמחה והרווחה, כולל אויך — גמילות חסדים (וואָס איז אויך) לעשירים[60].

ובפרט אַז צדקה האָט אַ שייכות מיוחדת לדורנו זה, דרא דעקבתא דמשיחא — וואָס אונזער עבודה איז דאָך צו שרייען "עד מתי?!" — מיר ווילן האָבן משיח'ן און דוקא במהרה בימינו ממש, בעגלא דידן!

— איז דאָך גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה[61], און מזרזת[62] את הגאולה,

אחישנה ובעגלא דידן ממש.